# רבי יהודא הנשיא

## יומא דהילולא ט"ו כסליו

### געקליבן און באשריבן דורך: יצחק זאב הכהן

שנת ג' אלפים תת"פ, בעצם יום הכיפורים, איז אומגעקומען עקד"ה דער תנא רבי עקיבא, אין זעלבן טאג איז מקיום געווארן וזרח השמש, ווען ס'האט אויפגעלייכט אורו של רבי יהודא הנשיא, וואס האט זוכה געווען צו ווערן גערופן רבינו הקדוש, און האט זוכה געווען צו מסדר זיין די משניות, אזוי ווי מיר האבן עס עד היום.

רבי יהודא איז געווען דער בכור צו רבן שמעון (השני) בן גמליאל (ירושלמי פסחים י.) א זיבעטער דור צו הלל הזקן, א אפשטאם פון דוד בן ישי, דורך דוד המלך'ס ווייב אביטל (כתובות סב:) און פון זיין מאמע'ס זייט א אייניקל פון שבט בנימין, (ב"ר)

און צוזאמהאנג מיט זיין געבורט, ווערט געברענגט א מעשה נורא, אין ספר מנורת המאור: אין זיינער צייט האבן די רומיים גוזר געווען, א גזירה קעגן מילה, און ווער ס'האט עובר געווען איז אחת דתו... און דאן איז געבוירען רבינו הק', זיין טאטע שמעון האט געזאגט, הקב"ה האט געהייסן דורכפיהרן א ברית מילה, די רוימ'ער לאזן נישט!!! וועם גיי איך פאלגען? זיכער השי"ת!!! און האט דורכגעפיהרט א ברית מילה אויף זיין בכור יהודא.

די באהערדע איז געוואר געווארן און געלאזט רופן דעם טאטע'ן, רבן שמעון בן גמליאל, רבן שמעון האט גארנישט געלייקנט, נאר געזאגט דער באשעפער האט געהייסן מאכן א ברית, און איך פאלגען מיין ג-ט, האט דער הגמון געזאגט, איך האט הערצה צו דיר, ווייל דו ביסט דער הויפט פון די אידן אין מיין שטאט, אבער דיין ווייב מיטן קינד מוזן פארן צום קעניג, און וואס ער וועט פסק'נען, אזוי וועט געשעהן,

די מאמע מיטן קינד האב זיך געשלעפט אויף די וועגן, און אנגעקומען צו א גאסט הויז, וואס דער בעל הבית "אסוירוס" איז געווען דער טאטע פון "אנטונינוס" די בעל הבית'טע האט געפרעגט די מאמע, וואס זוכסטו דא? נאכן הערן די מעשה, האט זי געזאגט, איך האט אויך געבוירען א קינד לעצטענס, נעם מיין קינד צום קעניג, און וויי אז ער איז גארנישט גע'מלה'ט.

כך הוה, זי איז געגאנגען צום קעניג מיט דאס אנדערע קינד, און דער הגמון זאגט צום קעניג: קוק דאס איז די מאמע און קינד וואס האבן נישט געפאלגט דעם קעניג'ס באפעל, און די מאמע זאגט "גיט א קוק" מ'האט בודק געווען און געזעהן אז ס'איז נישט אמת, דער קעניג האט געצערנט און געזאגט וואס ברענגסטו מיר דא? און האט געהייסן הרג'נען דעם הגמון.

בשעת מעשה, זענען געזעצן די מינסטארן ארום, און האבן זיך אנגערופן צום קעניג, אדוני המלך, די אידישע פאלק איז זייער נאנט צו זייער גאט, און ער העלפט זיי ווען מען ווענדט זיך צו אים, מיר ווייסן אז דאס קינד איז יא געווארן גע'מלה'ט, נאר זייער באשעפער האט געמאכט א נס, זיי צו ראטעווען פון א שטראף, תיכף האט דער מלך מבטל געווען די גזירה.

אהיימקומענדיג צום גאסט הויז, האט די מאמע פון רבינו הק', אלס א זכר צו דעם נס, איינמאל געזייגט אטונינוס, און בשכר די מילך, האט אטינוניס זוכה געווען צו משמש זיין רבי, און געווארן א קעניג צו זיין פאלק.

אין ספר יוחסין שטייט, אז בשכר די מסירת נפש פון זיין טאטע לגבי מילה, האט זיין זוהן "יהודא" זוכה געווען צום טיטל "רבינו הקדוש", אין גמרא (שבת קי"ח:) שטייט נאך א טעם, ווייל ער האט קיינמאל נישט געהאלטן די הענט אונטער זיין גארטעל, און מגן אבות (ל'הרשב"ץ אבות ב.) שטייט אז רבינו הק' איז געווען אזוי נערץ בדורו, אז מ'האט אים גערופן סתם "רבי"

רבינו הק' האט געלערנט תורה ביי זיין טאטע, ווי זיין טאטע רבן שמעון באצייכענט



מקום קבורתו - רבי יהודא נשיאה





חומת "בית שערים"

די חברותא'שאפט, בענוותנותו, ארי בן שועל (ב"מ פד:) אויך איז ער געווען א תלמיד פון רבי יעקב בן קורשאי (ירושלמי שבת י.) אזוי אויך האט ער מקבל געווען פון די תלמידי רבי עקיבא, ווי די גמרא אין ערובין (י"ג:) רבינו הק' זאגט: מה שאני מחודד יותר מחברי, ווייל איך האב געלערנט פון רבי מאיר, און אויך נאר "מאחוריו" וואלט איך געלערנט מול פניו!! וואלט איך געווען חריף עוד יותר,

בן שלושים שנה איז ער געווארן נתמנה אלס נשיא, זיין מושב בית דין איז געווען אין "בית שערים" אינאיינעם מיט זיינע זוהן שמעון און גמליאל, דער רמב"ם אין זיין הקדמה לספר יד החזקה, רעכנט אויס די מיטגלידער פון ביי"ד ד'רבינו הקדוש, רבי אפס, ר' חנינה בן חמה, ר' חייא, רבי ינאי, בר קפרא, ר' יוחנן און ר' הושעיא.

רבי שמעון בן מנסיא (אבות ו.) האט געזאגט אויף רבינו הק', אז אלע שבע מידות שמנו חכמים, זענען מקוים געווארן ביי רבי און זיינע קינדער, חז"ל דערציילן אז רבינו הק' איז געווען אן ענוותן, פון זיינע מימרות: כמה גדולים מעשה חייא, רבינו הק' האט אלס געלויבט חייא'ס מעשים, און זיין זוהן פרעגט אים, גרעסער אפי' פון דיר? האט רבינו הק' גענטפערט יא!! נאך זיין פטירה, האבן די תלמידים צוגעלייגט אין די גירסת המשנה סוף מס' סוטה, משמת רבי: בטלה ענוה ויראת חטא.

רבינו הק' לשון איז צח ונקי, ער האט שולט געווען אויף די שפראך לשון קודש, מער ווי סיי ווער אין זיין דור. די חכמים בדורו, ווען זיי האבן געהאט א ספק אויף אן אפטייטש פון א ווארט אין פסוק, האבן זיי געפרעגט רבי'ס משרתים, כמובא בתלמוד,

רבינו הק' איז געווען באקאנט מיט זיין גרויס עשירות, מען האט געזאגט אז דער שטאל פיהרער איז רייכער פון דעם שבור מלכא, דער רמב"ם שרייבט אויף רבינו הק', געוואלדיגע לשונות, יחיד בדורו, מיוחד בתקופתו, תכלית החכמה, ורום המעלה. אין די גמרא (גיטין נט.) שטייט: מימי משה עד רבי: פון משה רבינו ביז רבינו הק', איז נישט געווען אזוינע איינער בתורה וגדולה ביחד, און אעפ"כ האט ער זיך געהאלטן בענוה יתירה, שפלות רוח, והרחקת התאווה.

רבינו הק' האט געעפנט זיינע אוצרות אין א הונגער יאר, און געזאגט: זאלן קומען די בעלי משנה, בעלי גמרא, בעלי הלכה, בעלי אגדה, אבער נישט קיין עמי הארצים, ווייל רבי האט געהאלטן אז דער הונגער קומט נאר וועגן זיי, דערציילט די גמרא (ב"ב ח.) אז רבי יונתן בן עמרם האט זיך געוואלט אריינשטופן, אין רבי פרעגט אים, בני קריאת? האסט געלערנט? ענטפערט ר' יונתן ניין!!! האט רבי געזאגט: פארוואס זאל איך דיר שפייזן, האט ער געענטפערט, שפייז מיך ווי א רויב-פויגעל, און רבי האט אים געשפייזט, און נאכדעם האט רבי חרטה געהאט, און געזאגט אוי לי!! ווער ווייסט אפשר האב איך געשפייזט א עם הארץ, האט זיין זוהן שמעון געזאגט: טאטע אפשר איז דאס דיין תלמיד ר' יונתן, וואס האט נישט געוואלט נהנה זיין מכתרו של תורה, בדקו: און ס'איז טאקע געווען ר יונתן, האט רבי געעפנט די אוצרות פאר יעדן איינעם,

## חתימת המשנה

שנת ג' אלפים תתקע"ה, 150 יאר נאכן חורבן בית שני, רבינו הק' איז פינעף און ניינציג יאר, דער זמן איז באצייכענט אלס חתימת המשנה, רבינו הק' איז געווען ביים סוף פון תקופת התנאים, די תנאים האבן מייסד געווען תורה שבע"פ, און אראפגעשריבן ס'זאל בלייבן לדורות, און רבינו הק' האט אלסדינג כולל געווען אין די משניות, נאכדעם האט מען שוין נישט צוגעלייגט צו די ששה סדרי משנה, און ס'איז געבליבן אזוי ווי מיר האבן עס היינט.

ביז דעמאלס זענען אלע משנה'ס און מימרות געווען צושפרייט, ביז רבינו הק' האט עס מסדר געווען אויפן סדר הש"ס אזוי ווי מיר האבן דאס, רבינו הק' האט געלערנט געוויסע משנה'ס בדרך "סתם", אן דער בעל המימרא, ווייל רבינו הק' האט איינגעזעהן אז אזוי איז די הלכה,

רבינו הק' האט מרמז געווען זיין נאמען אין די ערשטע ווארט פון משניות, "מאימתי" וואס איז גמטריא "אני יהודא קדוש".

ווען רבינו הק' איז געווארן 83 יאר, האט ער אנגעהויבן ליידן מיחושים, און ער האט זיך אריבער געצויגן קיין ציפורי, וואס איז אויף א בארג, און די לופט איז קלארער, ליידער בעוונות הדור האט עס נישט געהאלפן, און רבינו הק' האט אזוי געלעבט א חיי צער ביז די פטירה.

די גאנצע דרייצן יאר וואס רבינו הק' האט געליטן יסורים, האט ער מגין געווען אויף די וועלט, און ס'איז געווען א ברכה אויף די וועלט, אז מען האט נישט געברויכט קיין רעגן, די ערד איז געווען גענוג נאס, אז ווען מ'האט אויסגעריסן א רעטעך, איז געבליבן א גריבל וואסער, (ב"מ פה.) און ירושלמי זעהן מיר אז די גאנצע דרייצן יאר, האט א אשה נישט מפיל געווען.

רבינו הק' איז נפטר געווארן ט"ו כסליו תתקע"ט, בן מאה שנים, און באותו היום איז געבוירען א הייליג קינד, וואס איז שפעטער באקאנט געווארן אלס רב אדא בר אהבה.

בשעת פטירתו, האט רבינו הק' אויפגעהויבן זיינע צען פינגערס, און געזאגט רבונו של עולם, איך האב מיך מייגע געווען אויף דיין תורה מיט אלע צען פינגערס, און איך האב נישט נהנה געווען פון דער וועלט אפי' באצבע קטנה, יהי רצון מלפניך שיהא שלום במנוחתי, איז ארויס א בת קול, יבוא שלום ינוחו על משכבותם, זכותו יגן עלינו.



מקוה מיוחס לרבי יהודה נשיאה